Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 20 גראשען. — היינט 8 זייטען.

# נייער פאלקסבלאט

№ 165 | Łódź, Czwartek, 17 lipca 1930 r. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג כא תמוז תר״ץ | № 165

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 71-224

# ווייטערדיגע אנטיסעמיטישע אונרוהען אין רומעניען

## דאס שטעטעל פעלישען און אומגעגענד בעדראהט. — די פויערן פון בארשא געגע־בען צייט די יודען ביז 6 א זייגער צו פערלאזען די שטאט. — זשאנדארמען מיט מאשינען־געוועהר היטען די ארדנונג

גיען, 16. (יט״א טעלעגראפיש).

פון בוקארעשט מעלדעט מען, אז אין שטעטעל פעלישען, זענען אויסגעבראכען ערנסטע אנטיסעמיטישע אונרוהען, וועגען אונרוהען מעלדעט מען אויך פון שטעטעל קאמוגשי, און די ארום־גע ערטער. דריי יודען זענען פערוואונדעט געווארען און פיל הייזער זענען צושטערט, איבער 40 כוליגאנעס זענען ארעסטירט. די בעפעלקערונג האט געפאדערט הילף. סיזענען אנגעקומען זשאנדארמען מיט מאשינען־געוועהר.

ווין, 16. (יט״א טעלעגראפיש).

פון בוקארעשט מעלדעט מע וועגען נייע אנטי־יודישע עקסצעסען אין בארשא. א דעלעגאציע פון פויערים, אנגעפיהרט דורך עטליכע קריסטליכע פאר־טייען איז געקומען אין לאקאל פון דער יודישער קהלה און געפאדערט, אז די יודישע בעפעלקערונג זאל פערלאזען דאס שטעטעל ביז 6 א זייגער אין אוונט. די יודען האבען זיך געווענדעט קיין בוקארעשט נאך הילף.

—:=:—

# די קאפיטולאציע פון דער פרייסישער רעגירונג פאר׳ן „שטאהלהעלם"

## די פעראָרדנונג וועגען אויפלעזען פון „שטאהלהעלם" ווערט צוריקגעצויגען

בערלין, 16. (א.ט.א.) דער פרייסישער אינערן־מיניסטער האט מיטגעטיילט דעם „שטאהלהעלם" אז ער איז גרייט צו פיהרען אונטער־האנדלונגען וועגען צוריקציהען די פעראָרדנונג מכוח אויפלעזען דעם שטאהלהעלם.

פאלד רערויף האבען זיך מיטוואך נאכמיטאג אנגעהויבען די אונטערהאנדלונגען.

בערלין, 6. (א.ט.א.) ווי מען איז מודיע איז געקומען צו א הסכם וועגען דעם שטאהלהעלם־פערבאט, וועלכער וועט וואהרשיינליך נאך היינט צו־ריקגעצויגען ווערען.

בערלין, 16. (א.ט.א.) לויט ויכערע ידיעות האט דער פרייסישער פרעמיער בראון ברעה אין משך פון דאנערשטאגדיגען טאג צוזאמען מיט׳ן רייכסקאנצלער צו בעזוכען דעם פרעזידענט הינ־דענבורג, און אהם צו בעטען אז אויף זיין רייזע דורכ׳ן בעפרייטען געביט צו בעזוכען דאס פרייסיש געביט.

# אויפשטאנד אין מאראקא געגען פראנקרייך

פאריז, 16. (ספ. טעל.) לויט מעלדונגען פון טאנזשער האבען די שבטים פון מאראקא וואס זע־נען פוריאצש נאך אונטער דעם איינפלוס פון פראנק־רייך, אטאקירט דאס פראנצויזישע מ ליטער. בעתן צוזאמענשטויס איז געפאלען איין א־פיציר, 4 סאלדאטען פון פרעמדען לעגיאן, און 14 סאלדאטען פון די איינגעבוירענע.

אין דער קריגס־אקציע בעטייליגען זיך אויך פראנצויזישע פאמבעראעראפלאנען.

# יעזשי קאהן — געמיינזאמער שיעדס־קאמיסאר פון דער פוילישער און אמעריקאנישער רעגירונג

קאפענהאגען, 16. (ספ. טעל.) אין הס־כם מיטן פויליש־אמעריקאנישען פריינדשאפטס־טראקטאט האבען די רעגירונגען פון די פעראייניגטע שטאטען און פון פוילען בעשלאסען צו נאמינירען אלס זייער געמיינזאמען שידס־קאמיסאר דעם עקס־פערט פון אינטערנאציאנאלען רעכט און דענישען אויסערן־מיניסטעריום, יעזשי קאהן.

די פוילישע רעגירונג האט די נאמינאציע שוין בעשטעטיגט.

קופאן 10

דריטע סעריע

פון גרויסען פרעמיען־קאנקורס פון „נייעם פאלקסבלאט"

כדי זיך צו בעטייליגען אין דער 3. סעריע פון פרעמיען־קאנקורס, איז גענוג צו צושטעלען בלויז 20 קופאנען

שנייד אויס דעם קופאן!

# נישט געלונגענע לופט־רייזע ניו־יארק — בוענאס איירעס

ניו־יארק, 16. (א.ט.א.) דער אעראפלאן מיט דעם אמעריקאנישען פליהער סטינסאן וועל־כער האט מיטוואך אנגעהויבען א לופט־רייזע פון ניו־יארק קיין בוענאס־איירעס איז ביי באסטאוויטש אראפגעפאלען. די פאסאזשירען זענען לייכט פער־וואונדעט געווארען.

פילהארמאניע־זאל נארוטאוויטש 20

אנ׳אמת׳ער עונג־שבת־קודש פאר לאדזער יודען!

פרייטאג, דעם 18־טען יולי און שבת, דעם 19־טען יולי ד. י. פ׳ פינחס (מברכים החודש מנחם אב) וועט דאווענען קבלת־שבת, אויך אין דער פריה שחרית און מוסף, דער פאפולערער וועלט־בעריהמטער

אבער־קאנטאר פון אמעריקא, פראפעסאר ה׳

אליהו זאלאדקאווסקי נ״י

(דער ליבלינג פון לאדזער פובליקום)

עס נעהמט אנטייל דער בעוואוסטער פראפעסיאנעלער כאר אונטער דער לייטונג פון דעם טאלענטפולען יונגען מוזיקער ה׳ הערש רוביז.

פערזארגט אייך מיט בילעטען וכל הקודם זכה!

בילעטען־פערקויף: זאל פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20; ביי ה׳ י. זעלמאנאוויטש, האג פאלודניאווא און פיעטריקאווער; אויך ביי ה׳ דיאמאנט, נאוואמיעסקא 24, ווארשט־געשעפט.

בעמערקונג: פאר פרויען ספעציעלע רעזערווירטע פלעצער.

נדהמים ונרעשים מהאסון שקרנו בהלקח מאתנו האיש היקר באדם

נ״ע

יוסף יאשונסקי

חבר־הנשיאות של הועד שלנו, נודיע בזה את צערנו לכל חברינו ונבקש להופיע להלויתו, שתהיה היום, כ״א תמוז, בשעה 2 אחר הצה״ר מבית־האבל, פיוטרקואית 152, ולחלק לו את הכבוד האחרון.

הועד

של החברה: „בית המחסה לילדים עברים והחוה בהלנובק"

עם סניפיה: „פומוז" נרוטוביצה 7

ו„בורסע" לנערים ע״ש ש. שטיינשניידער, ז״ל, פומורסקא 41

ברכת מז״ט

את ידידי ר׳ אברהם אבא נ״י איינהארן

הנני מברך בברכת מז״ט לרגלי נשואי בנו

מר פנחס זעליג נ״י

יזכה לראות מאותו בנים גבני בנים והיו לו מהם נחת

ידידו

יהושע קאפעל.

אנאנסן אין „נייעם פאלקסבלאט" האבען דעם גרעסטען ערפאלג!

Dr. med. S. Heinrich

נעהמט אן זומער־צייט אין פאדעמביע

ווילא „זאכענטא"

נישט ווייט פון פענסיאנאט וויעטשארקאווסקי

ספעציאליסט פון קינדער־ און אינער־ליכע קראנקהייטען.

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטש 20

היינט, דאנערשטיק, ד. 17־טן ד. ח. 8 אוונט קומט פאר

א פארלעזונג פון ה׳ יעקב פאט

נאך זיין צוריקקומען פון אמעריקא א. ד. ט.

„פון יענער זייט ים"

(פון לעבן, קאמף און בענקשאפט פון די יודישע ארבייטער אין אמעריקא).

בילעטן צום פרייז פון 50, 75 גר. און 1 גילדן שוין צו באקומען אין „ארב. היינקל" און אין טאג פון דער פארלעזונג ביי דער קאסע פון פילהארם.

